קובץ

# תוך הנחל

דיבורים נוראים ונפלאים שנאמרו
בשבת קודש פרשת בא תש"ע
[אויף אידיש]

מפ"ק כ"ק הרה"צ **מוהרא"ש** שליט"א

יוצא לאור חודש שבט תשע"א

# תוך הנחל

## סעודה שלישית פרשת בא ה'תש"ע

בסעודה שלישית, סעודת רעווא דרעווין, דיבר מוהרא"ש נ"י דיבורים נוראים ונפלאים מאד על פי דברי רביז"ל בליקוטי מוהר"ן חלק א' סי' ס"ו המדבר ממעלת הרצון, עיין שם.

פתח ואמר מוהרא"ש נ"י, רביז"ל אומר, (מוהרא"ש נ"י חזר בקיצור על כמה נקודות שבתורה זו של רביז"ל), **אי אפשר לעשות שום דבר כי אם על ידי חשק, ועל כן כל דבר שבקדושה שהאדם צריך לעשות, כגון לנסוע להצדיק, או שאר דבר שבקדושה שהאדם צריך לעשות, נותנין לו מתחילה חשק, כדי שעל ידי זה יעשה הדבר, ועיקר גודל החשק נעשה על ידי המניעה שמזמינין לו וכו',** עיין שם כל זה בדברי רביז"ל.

והסביר מוהרא"ש נ"י, דער הייליגער רבי ז"ע איז אונז מגלה אין די תורה, די גרויסקייט פונעם רצון מיט די חשק צו א דבר שבקדושה, ווען א מענטש וויל באמת טוהן עפעס אן הייליגע זאך, איז נישט דא קיין שום כח אויף די וועלט וואס קען איהם פארמאדן דערפון, און ער וועט דאס א ודאי קענען דערגרייכן, ווייל די אלע מניעות זענען געשטעלט געווארן כדי צו פארמערן זיין רצון, ווייל ווי גרעסער איז די דבר שבקדושה, אזוי דארף מען האבן רצון צו דעם, און גלייך ווען ער וועט האבן א רצון וועט ער קיין מניעה מער נישט האבן, אבער דאס איז די גאנצע נסיון.

ווייל עס איז דא איינער וואס ער זעהט פארזיך פארשידענע מניעות, פאלט ער ביי זיך, אז ער האט נישט קיין כח זיך מתגבר זיין אויף זיי, און ער פארלירט אלעם, אבער ווען ער האט דעת דקדושה, און ער ווייסט אז אלע מניעות זענען נאר צו פארמערן זיין רצון, מיט דעם אליין צוברעכט ער אלע מניעות, און ער קומט אן צו דאס וואס ער דארף אנקומען. און אזוי ווי דער בעל שם טוב הקדוש ז"ע זאגט אז עס איז נישט דא אזא זאך - **"איך קען נישט"**, נאר אלעם איז ווייל איך **"וויל נישט"**, אבער גלייך ווען א מענטש וויל, וועט ער א וודאי קענען אנקומען, דעריבער דער עיקר איז אין יעדע דבר שבקדושה איז נאר דער רצון, אז א מענטש וועט וועלן מיט די גאנצע הארץ און דעת, און ער וועט נישט אפלאזן די רצון פאר קיין שום זאך אויף די וועלט, וועט ער צו אלעם אנקומען.

און עס שטייט אין דעם רבינ'ס ווערטער (ליקוטי מוהר"ן חלק א' סי' ל"א), אז דער עיקר התגברות הרצון ווענדט זיך אין דעם מענטשנ'ס מויל, אז אלעמאל גייט ארויס פון זיי רצונות מיט בענקענשאפט צו השם יתברך אויף יעדע דבר שבקדושה, און ער וועט פארמערן אין דעם, זיך אויסשמועסן דאס הארץ פארן בורא כל עולמים מיט א תמימות'דיגע פראסטיקייט, און זאגן פאר השם יתברך וויפל וויל איך אנקומען צו דער דבר שבקדושה, און ער וויל באמת ער זאל האבן אמת'ע כיסופים מיט רצונות, און דאס וועט איהם שטארקן דעם רצון מיט די חשק אין דעם הארצן, ביז ער וועט אנקומען צו וואס ער האט געוואלט, ווייל "רצון" וועט אנגערופן עולם החירות [א וועלט פון פרייקייט - חירות], ווייל ס'איז נישט דא קיין גרעניץ וויפל קען מען ווען, און די רצון וועט איהם ברענגן צו זיין געבעט'ס, אבער דער בעל דבר יודע וויסט פון דעם, דערפאר פראבירט ער שטענדיג אפצושוואכן א מענטשנ'ס ווילן, און איהם מונע צו זיין פון רצון דקדושה, און ער נעמט איהם אריין אין עצבות און אין מרה שחורה, ער לייגט זיך אריין אין יאוש און אין דעפרעסטקייט, אז ער קען גארנישט אנקומען צו אזוינע גרויסע זאכן, און פארוואס זאל ער בכלל בענקען נאך זיי, און מיט דעם פארפינסטער איהם די שעת, און ער קילט איהם אפ פון די ווילן, ווייל מניעה ווערט אנגערופן חושך, און אזוי ווי עס שטייט (בראשית כ"ב) ולא "חשכת" [דו האסט נישט אפגעשפארט – מונע געווען! אבער עס שטייט מיט א שין, און מען קען דאס רופן אויך מלשון חושך] את בנך את יחידך, אבער ווען א מענטש שטאקט זיך צו זיין בשמחה, און ער לאזט נישט אפ דעם רצון פאר קיין שום זאך אויף די וועלט, איז נישט דא קיין שום זאך אויף די וועלט אז ער קען צו איהם נישט צוקומען.

און דאס איז די גרויסע מעלה פון זיך מקרב זיין צו צדיקים, כי ווייל די צדיקים זענען מעורר און זיי ווארימען די מענטשנ'ס רצון צו השם יתברך, און זיי זענען איהם שטענדיג מגלה צו וואס קען מען זוכה זיין אויף די וועלט מיט די רצון, און וויפל מער איז ער זוכה זיך מקרב זיין צו צדיקים אזוי מער וועט געצויגן אויף איהם די רצון דקדושה, און ער איז זוכה אנצוקומען צו וואס זיין הארץ וויל.

וואויל איז דער וואס איז זוכה זיך דרייט זיך ביי צדיקים און הערן זייערע רייד, ווייל דעמאלס וועט אין איהם אריינגיין רצון מיט א חשק צו יעדע דבר שבקדושה, און ער וועט זוכה זיין אנצוקומען צו גרויסע דערגרייכונגען אין דבקות השם יתברך.

וקישר מוהרא"ש נ"י את ענין הנ"ל לפרשת השבוע בקשר נורא ונפלא מאד, כי הנה כתיב אחר ציווי של קרבן פסח (שמות י"ב), **וילכו ויעשו בני ישראל כאשר צוה ה' את משה ואהרן כן עשו**, ופירש"י, **וילכו ויעשו בני ישראל**, צו דען האבן זיי געטוהן? נאר פון ראש חודש איז

דאך דאס געזאגט געווארן צו זיי, און זיי האבן נישט געטוהן ביי די צענטע טאג צו די חודש, נאר וויבאלד זיי האבן זיך אונטער גענומען, ווערט דאס גערעכנט אזוי ווי זיי האבן שוין געטוהן, **וילכו ויעשו**, אויך די גיין האט די פסוק גערעכנט, געבן א שכר צו די הליכה און א שכר צו די עשיה, **כאשר צוה ה' את משה ואהרן**, זאגן די שבח פון יודישע קינדער אז זיי האבן נישט אויסגעלאזט קיין שום זאך וואס משה ואהרן האבן באפוילן.

און מען דארף פארשטיין פארוואס דווקא אין די מצוה, וואס זי איז די ערשטע מצוה וואס "גאנץ" כלל ישראל איז אין דעם באפוילן, איז געזאגט געווארן דעם גילוי, "ווערט דאס גערעכנט אזוי ווי זיי האבן שוין געטוהן", און אויך וואס איז די פשט "שכר להליכה ושכר לעשיה", און פארוואס איז דאס געשריבן געווארן איינס לעבן די צווייטע **"כאשר צוה ה' את משה ואהרן"**.

און לויט דעם רבינ'ס ווערטער איז דאס גאנץ גוט פארשטענדליך, אז די תורה הקדושה איז מגלה אין די מצוה, די גרויסקייט און די מעלה פון די רצון מיט די חשק דקדושה, אז גלייך ווען א מענטש האט א אמת'ע רצון טוהן עפעס א הייליגע זאך ווערט דאס גערעכנט אזוי ווי ער האט עס שוין געטוהן, ווייל א וודאי ווען ער האט א אמת'ע רצון, איז נישט דא קיין שום זאך אויף די וועלט זאל איהם מונע זיין. און דאס הייסט **"וילכו ויעשו"**, אז גלייך אין ראש חודש, וואס זיי זענען ארומגעגאנגען מיט א רצון דקדושה מקיים צו זיין רצון ה', ווערט דאס גערעכנט כאילו **"ויעשו" – זיי האבן געטוהן**, ווייל א אמת'ע רצון ברענגט זיכער צו עשיה, און נאך מער **"נאר"** ווען מען האט א אמת'ע רצון קען מען זוכה זיין צו מקיים זיין, וואס דאס איז די פשט - "ליתן שכר להליכה ושכר לעשיה", אז די שכר אויף דעם רצון און אויף די גייען, איז אז ער וועט זוכה זיין אנצוקומען צו די שכר פון די עשיה, און דאס איז נאר דורך התקרבות צו צדיקים, ווייל זיי דערוועקן דעם אמת'ע חשק מיט די אמת'ע רצון ביי איין יעדן יוד, וואס דאס איז וואס די פסוק לאזט אויס **"כאשר צוה את את משה ואהרן כן עשו"**, וואס דורך דעם וואס זיי האבן געהערט די רייד פון משה ואהרן, און זיי האבן אנגענומען זייערע ווערטער מיט א גאנצע תמימות, איז אריינגעגאנגען אין זיי א אמת'ע רצון מיט חשק מקיים צו זיין רצון ה', און עס איז גערעכנט געווארן אזוי ווי זיי האבן געטאן. זאל השם יתברך אונז מזכה זיין צו זיין מקורב צו אמת'ע צדיקים, און אריינעמען אין אונזערע הארץ א רצון וחשק דקדושה, בי זמיר וועלן זוכה זיין בענקן און האפן שטענדיג צו השם יתברך און אינגאנצן נכלל ווערן אינעם אייבישטער, מעתה ועד עולם אמן ואמן.